# דער
# פרשה קוואל

צוזאמען גענומען
פון די שמועסן פון

מורינו הגה"צ
**רבי אברהם אלימלך בידרמן** שליט"א

**אחרי - קדושים**

מכון
באר האמונה

בס"ד

# דער פרשה קוואל

פאר קאמענטארן און הערות:
mail@derparshakval.com
718.484.8136

פאר גרעסערע באשטעלונגען (USA):
Wholesale@BeerEmunah.com

באקומט די גליונות וועכנטליך אין אייער אימעיל בחינם

## זיך איינצושרייבן

לשה"ק
**באר הפרשה**
subscribe+subscribe@beerhaparsha.com

אידיש
**דער פרשה קוואל**
yiddish+subscribe@derparshakval.com

אנגליש
**Torah Wellsprings**
Torah+subscribe@torahwellsprings.com

היספאניש
**Manantiales de la Torá**
info+subscribe@manantialesdelatora.com

פראנצויזיש
**Au Puits de La Paracha**
info+subscribe@aupuitsdelaparacha.com

איטאליעניש
**Le Sorgenti della Torah**
info+subscribe@lesorgentidellatorah.com

רוסיש
**Колодец Торы**
info+subscribe@kolodetztory.com


**ארה"ב:** Mechon Beer Emunah
1660 45th St, Brooklyn NY 11204
718.484.8136

**בארה"ק:**
מכון באר האמונה
רח' דובב מישרים 4/2
עיה"ק ירושלים תובב"א
025 688 040


מכון באר האמונה


**יו"ל ע"י מכון באר אמונה**



2023 © כל הזכויות שמורות להמכון

עס איז נישט ערלויבט איבערצודריקן אויף קיין שום צורה ואופן, אויף צו פארקויפן אדער פארשפרייטן פאר אייגינע אינטערעסן אן שריפטליכע ערלויבעניש פון די מכון

# אינהאלט

## אחרי - קדושים


וחי בהם - עבודת ד' מיט חיות און פרישקייט........................................ב

ועשהו חטאת - נישט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט........................................ד

למען נסותך - דאָס חשיבות פון אידן איבער די מלאכים צוליב די נסיונות ..........................ז

בצדק תשפוט - אָננעמען אַלעס מיט ליבשאַפט........................................ י

והייתם לי קדושים - איך טוה עס ווייל דער אויבערשטער האָט געהייסן........................... יג



סדר ועימוד:

**א.י.ש. אשדוד**

shwrtz@bezeqint.net

# אחרי קדושים

## וחי בהם - עבודת ד' מיט חיות און פרישקייט

**'אשר** יעשה אותם האדם וחי בהם' (אחרי יח, ה).

**דער** של"ה הקדוש זאָגט (שער האותיות, ז' - זריזות) אַז דער פסוק לערנט אונז דאָ, אַז דער מענטש דאַרף מקיים זיין די תורה און מצוות מיט אַ חיות[א] און זריזות[ב], און נישט מיט פוילקייט און עצבות וועלכע מאַכט שווער אַלע איברים פון מענטש[ג].

די גמרא אין מסכת' ברכות (נא.) זאָגט עטליכע הלכות וואָס מ'דאַרף מקיים זיין ביים 'כוס של ברכה'. איינע פון די זאַכן איז 'חי'. זאָגט רש"י (ד"ה 'חי'),

---

**א.** די גמרא זאָגט (תענית כ:) אַז די תלמידים פון רבי אדא בר אהבה האָבן איהם געפרעגט, אין וועלכן זכות ער האָט זוכה געווען צו אריכות ימים. האָט ער זיי געענטפערט עטליכע סיבות, און איינע פון די סיבות איז, 'מעולם לא ישנתי בבית המדרש' - איך בין קיינמאָל נישט געשלאָפן אין בית המדרש. זאָגן די ספרים, אַז רבי אדא בר אהבה האָט געמיינט צו זאָגן אַז ער איז קיינמאָל נישט געווען אין בית המדרש 'שלאָפעדיגערהייט'. ער האָט שטענדיג מקיים געווען ביי זיך 'וחי בהם' - מיט א התחדשות און חיות.

**ב.** הרה"ק בעל 'אבני נזר' זי"ע האָט געזאָגט (געברענגט אין ספר 'אביר הרועים', אות קיג), אַז אַלע דחקות און צרות ל"ע וואָס אידן ליידן אויף דער גאַנצער וועלט רח"ל, איז אַלעס דערפאַר ווייל מ'לערנט די גמרא 'שלאָפעדיג'. ער גיט צו, אַז אויב די וועלט וואָלט מיך געפאָלגט, און מ'וואָלט געלערנט גמרא מיט חיות, איז ער גרייט צו האַפטן אַז עס וועט קיינמאָל נישט פעלן פאַר אַ איד פרנסה.

**ג.** דער עיקר פון די גאַנצע תורה און מצוות איז, מקיים צו זיין 'וחי בהם', מיט חיות און התלהבות.

דער בעל שם טוב הקדוש זי"ע איז אַמאָל געגאַנגען שפּאַצירן נעבן אַ טייך. ס'איז געווען אינמיטן ווינטער, ווען די קעלט שטאַרקט זיך זייער, בפרט אין די קליינע שטעטלעך. דאָס וואַסער פונעם טייך איז געווען פאַרפרוירן, אַזש אַז מ'האָט ממש געקענט אַריבערגיין דעם טייך, אַזוי ווי מ'גייט אויף די יבשה. און אָט זעהען די תלמידים ווי דער בעל שם טוב איז זיך מתבונן אין עפּעס וואָס קומט דאָרט פאָר. דאַן האָט דער בעל שם טוב זיך אָנגערופן צו די תלמידים:

- זעהט איר דעם כח פון קאַלטקייט?! איך האָב געזעהן ווי אַ גוי קריצט אויס אויף דעם פאַרפרוירענעם טייך, אַ צורה פון אַ 'שתי וערב' (וואָס איז ממש ווי עבודה זרה - שולחן ערוך יורה דעה, סימן קמא). באמת איז דאָך נישט דאָ אַזאַ ריינע זאַך ווי וואַסער פון טייך - פרישע לעבעדיג וואַסער, וואָס איז מטהר יעדן צרוע און יעדן זב, דאָס וואַסער אַליין איז נישט מקבל טומאה (פסחים טז.), אָבער אין דער מינוט ווען דאָס וואַסער איז געוואָרן 'פאַרפרוירן', קען מען שוין אויסקריצן אויפ'ן וואַסער די צורה פון אַזאַ האַרבע טומאה ווי אַ 'שתי וערב'.

פון די ווערטער פונעם הייליגן בעל שם טוב זי"ע לערנען מיר, ווי ווייט מיר דאַרפן זיך היטן פון יעדן סאָרט 'קאַלטקייט', און אַז מיר דאַרפן אונטערצינדן אונזערע הערצער און נשמה מיט אַ הייליגן פייער פאַר דעם אויבערשטען און זיין תורה, און אַזוי וועלן מיר זוכה זיין צו ריינגן אונזערע הערצער פאַר דעם אויבערשטען.

הרה"צ ר' מרדכי לידער זצ"ל (ווערמען מ'האָט גערופן בלשון חיבה, 'רבי מאָטקע'), וועלכער איז געווען איינע פון די 'לייבן', די 'אריות שבחבורה' צווישן סלאָנימער חסידים אין טבריא, פלעגט פאָרן אַ 'נסיעה' קיין חוץ לארץ, צו זיין רבי'ן, הרה"ק בעל 'יסוד העבודה' זי"ע.

אַמאָל האָט דער רב פון ירושלים, הגאון רבי שמואל סאַלאַנט זצ"ל, געפרעגט רבי מאָטקע'ן, פאַרוואָס אַזאַ איד ווי ער דאַרף פאָרן צו אַ רבי'ן. וואָס פעלט איהם דען אין זיין עבודת הקודש אינדערהיים, וואָס צוליב דעם זאָל ער דאַרפן פאָרן צום רבי'ן אַזאַ לאַנגען אויסמאַטערנדיגן וועג? האָט רבי מאָטקע געענטפערט דעם רב: די משנה זאָגט (סוף מסכת סוטה) 'משמת רבי מאיר בטלו מושלי משלים. משמת בן עזאי בטלו השקדנים, משמת בן זומא בטלו הדרשנים וכו', משמת רבן גמליאל הזקן בטל כבוד התורה ומתה טהרה ופרישות'. דאַרף מען פאַרשטיין, פאַרוואָס זאָגט די משנה לגבי טהרה און פרישות, אַ לשון 'מתה' - געשטאָרבן, און נישט 'בטלה' טהרה ופרישות, אַזוי ווי פריער אין דער גאַנצער משנה, ביי 'מושלי משלים', און ביי 'שקדנים' א.א.וו.

'פרישק"א בלע"ז'. דאָס איז אַ רמז, אַז דער ווין איז 'פריש'. זיין טעם האָט נישט אויסגעוועפּט.

**זאָגט** דער של"ה הקדוש, אַז רש"י ז"ל האָט דאָ געוואָלט מרמז זיין אַז יעדער איד דאַרף מקיים זיין די הייליגע תורה אויף אַן אופן פון 'וחי בהם' צו לעבן מיט אַ התחדשות[ד] אין תורה און אין עבודת השם[ה].

**הרה"ק** רבי צדוק הכהן זי"ע פון לובלין ברענגט אין ספר 'פרי צדיק' (מאמרי חודש סיון, אות ד') אין נאָמען פון הייליגן בעל שם טוב זי"ע, אַז ער האָט געזאָגט אַז ער איז מקנא די שטאַרקע התעוררות וואָס אַ יונגער מענטש שפּירט. דאָס הייסט, דער גרויסער און הייליגער בעל שם טוב האָט משתוקק געווען צו דעם כח און 'פרישקייט' וואָס אַ יונגער מענטש האָט, אַז ער קען זיך שטענדיג באַנייען אין עבודת השם.

**אַזוי** האָט דער בעל שם טוב אויך געטייטשט דעם פסוק (תהלים עא, ט) 'אל תשליכני לעת זקנה' - די מצוה זאָל נישט 'פאַרעלטערט' ווערן אין מיינע אויגן ('כתר שם טוב', סו). דאָס הייסט, דער מענטש זאָל נישט 'פאַראַלטעוועט' ווערן און מקיים זיין אַ מצוה 'פאַרעלטערטערהייט', נאָר ער זאָל אַלעס טוהן מיט אַלע כוחות, און מיט אַ שטענדיגער פרישקייט.

**צדיקים** האָבן געזאָגט, אַז אויך דער אויבערשטער כביכול בעט פון אונז, 'אל תשליכני לעת זקנה'. איר זאָלט נישט מקיים זיין מיינע מצוות חלילה אין אַן אופן פון 'זקנה' -פאַרעלטערונג, 'כמצוות אנשים מלומדה', נאָר מיט אַ פרייליך האַרץ. און אויף דעם זאָגט די משנה (אבות פ"ד, מ"ב) 'בן עזאי אומר, הוי רץ למצוה קלה כבחמורה, ובורח מן העבירה'. דער מענטש וואָס איז מקיים די מצוות אויף אַן אופן פון 'מלומדה', וועט נישט לויפן מקיים צו זיין אַ מצוה. ווען דעם זאָגט מען פאַר דעם מענטש אַז ער זאָל כסדר לויפן צו אַ דבר מצוה, און פון דער צווייטער זייט זאָל ער אַנטלויפן פון אַן עבירה.

---

איז דער תירוץ, אַז באמת זענען טהרה און פרישות אינגאַנצן נישט 'בטל געוואָרן'. ס'זענען וויטער דאָ אַ סאַך מענטשן וואָס פירן זיך מיט פרישות און טהרה, אָבער זיי טוהען עס אַזוי ווי 'געצוואונגענערהייט', אַן שמחה און פאַרגעניגן אַז זיי האָבן די גרויסע זכיה צו דינען דעם אויבערשטען, און דעריבער פאָרט ער צו זיין רבי'ן, דעם בעל 'יסוד העבודה', כדי צו קויפן ביי איהם אַ 'סם חיים', און באַקומען אַ פרישקייט און חיות אין זיין עבודה, האָט רבי מאָטקע לידער געזאָגט.

מיר האָבן געהערט פון אַ חשוב'ן איד אַ תלמיד חכם, אויף די ווערטער פון די משנה (אבות פ"ד, משנה ל) 'על כרחך אתה חי וכו' ועל כרחך אתה עתיד ליתן דין וחשבון לפני מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא'. דער תנא מיינט צו זאָגן, אויף דעם וואָס דו לעבסט 'בעל כרחך' - ווי איינער וואָס לעבט 'געצוואונגענערהייט', אָן שמחה און חיות אויך פאַר דעם וועסטו דאַרפן אָפּגעבן דין וחשבון...

**ד.** דער ירושלמי (סוכה פ"ג ה"א) זאָגט אַ טעם פאַרוואָס אַן אויסגעטריקנטער לולב איז פסול צו שאָקלען דערמיט אין יום טוב סוכות, ווייל דער פסוק זאָגט (תהלים קטו, יז) 'לא המתים יהללו י-ה'. איז דאָך אַ קל וחומר, מה דאָך ווען אַ מענטש איז מקיים אַ מצוה ווען ער איז פול מיט חיות, נאָר דער לולב וואָס ער שאָקלט דערמיט, איז טרוקן, איז ער נישט יוצא זיין חיוב אין די מצוה ווייל דער פסוק זאָגט 'לא המתים יהללו י-ה', איז דאָך אַ 'קל וחומר, בן בנו של קל וחומר', אַז אויב דער לולב איז גרין, ער איז פול מיט חיות, נאָר דער מענטש וואָס נעמט דעם לולב צו שאָקלען דערמיט איז 'טרוקן' - אָן קיין חיות, איז דאָך זיכער דאָ ביי דעם דער חסרון פון 'לא המתים יהללו'...

**ה.** דער גערער רבי, הרה"ק בעל 'פני מנחם' זי"ע, פלעגט דאַווענען מיט אַ שטאַרקן רגש און התלהבות. נאָך זיין הסתלקות, האָט מען געפונען אין זיין צימער 200 סידורים פון פאַרשידענע סאָרטן, ווייל ביי יעדער מעגליכער געלעגנהייט, פלעגט ער כסדר קויפן נייע סידורים, כדי אַריינצוברענגען אַ פרישקייט און אַ פרישע התפעלות ביים דאַווענען.

און כאָטש מיר פאַרשטייען נישט די וועגן פון די צדיקים, פונדעסטוועגן, קענען מיר זיך אַראָפּלערנען דערפון פאַר זיך, אין אונזער מדריגה, אַריינצוברענגען חיות און התחדשות אין אונזער עבודה ביי יעדער געלעגנהייט, ביי יעדע זאַך וואָס ברענגט אַ חיות און התלהבות.

**דער** 'צד השוה' צווישן ביידע איז, מען זאָל אייביג טוהן די עבודה מיט אַ פרישקייט און מיט זריזות. מ'זאָל נישט זוכן זיך 'אָפּצורוהען'[ו]. און באמת, דאַרף יעדער איינער אַראָפּלערנען אַ 'קל וחומר' פון זיך אַליין, פון דעם וועג ווי אַזוי ער פירט זיך ווען עס האַנדלט זיך אין גשמיות'דיגע ענינים. מה דאָך פאַר זיין אַרבעט און פאַר זיינע אייגענעם געשעפט, צו פאַרדינען אַ פּאָר דאָלאַר, לויפט דער מענטש פרייליכערהייט, מיט זריזות און התלהבות, איז דאָך אַוודאי געוויס אַז צו עבודת השם דאַרף מען צוגיין מיט חשק און מיט אַ פרייליך האַרץ.

**באמת,** מצד די נאַטור פון דער וועלט, קומט דאָס חיות פון אַ מענטש פון 'נייעס'. ממילא, אויב דער מענטש טרעפט זיינע 'נייעס' אין לערנען און אין עבודת השם, איז דאָך גוט און וואויל, אָבער אויב נישט, וועט ער זוכן 'חידושים' אין אומפּאַסיגע ערטער.

**אַזוי** טייטשט דער גאון בעל 'חתם סופר' זי"ע ('תורת משה', פ' ראה) די פסוקים (דברים יא, כו-כח) 'את הברכה אשר תשמעו אל מצוות ה' אלוקיכם אשר אנכי מצוה אתכם היום, והקללה אם לא תשמעו וגו' ללכת אחרי אלהים אחרים אשר לא ידעתם'. חז"ל דרש'ענען (רש"י דברים כו, טז) דאָס וואָרט 'היום' - אַז יעדן טאָג זאָל די תורה זיין ביי דיר אַזוי ווי ניי.

**דאַרף** מען פאַרשטיין, אויב דער פסוק רעדט פון 'התחדשות', פאַרוואָס זאָגט ער 'והקללה אם לא תשמעו'. צי דען פאַר'ן אויסמיידן 'התחדשות', קומט אַ קללה ח"ו אויפן מענטש? אויך איז שווער, ווי אַזוי קען מען זאָגן אַז די תורה רעדט דאָ פון התחדשות. דער פסוק זאָגט דאָך 'והקללה אם לא תשמעו... וסרתם מן הדרך אשר אנכי מצוה אתכם היום'.

**אויך** איז שווער, לכאורה וואָלט געווען גענוג צו זאָגן 'ללכת אחרי אלהים אחרים'. פאַרוואָס האָט די תורה צוגעלייגט די ווערטער 'אשר לא ידעתם'?

**ענטפערט** דער 'חתם סופר', וויבאַלד מ'האָט נישט געפונען צופרידנהייט אין 'נייעס' אין תורה, איז דער מענטש געגאַנגען זוכן צופרידנהייט אין אַן אָרט פון 'עבודה זרה' - אַן עבודה וואָס ער האָט עס ביז יעצט נישט געקענט, און עס איז פאַר איהם 'נייעס' און פרעמד. קומט אויס, אַז די עצם זאַך וואָס דער מענטש האָט נישט געהיטן די תורה און מצוות מיט אַ התחדשות, דאָס אַליין האָט גורם געווען אַז ער זאָל גיין דינען עבודה זרה, און צוליב דעם קומט איהם אַזאַ האַרבן עונש רח"ל.

### ועשהו חטאת - נישט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט

**אין** דער היינטיגער סדרה (אחרי טז, ט-י) לייענען מיר: 'והקריב אהרן את השעיר אשר עלה עליו הגורל לה' ועשהו חטאת'. זאָגט רש"י, 'כשמניח הגורל עליו קורא לו שם, ואומר לה' חטאת'. ווען דער כהן גדול לייגט אַרויף דעם צעטל פון גורל אויף דעם שעיר לה', רופט ער איהם ביים נאָמען, און ער זאָגט "לה' חטאת'.

---

ו. דער וועג פון 'אַנטלויפן' פון אַן עבירה דאַרף זיין, ווי הרה"ק בעל 'חידושי הרי"ם' זי"ע זאָגט אויף די ווערטער פון דער גמרא (ברכות ו:) 'לעולם ירוץ אדם לדבר הלכה ואפילו בשבת' - דער מענטש זאָל אייביג לויפן צו אַ מצוה, אַפילו אין שבת, ווי דער פסוק זאָגט (הושע יא, י) 'אחרי ה' ילכו כאריה ישאג'.

דאַרף מען פאַרשטיין, דער פסוק זאָגט דאָך נאָר אַז מ'דאַרף 'גיין' נאָך דעם אויבערשטען ('אחרי ה' ילכו'). ווי אַזוי לערנט מען פון דאָ אַז מ'דאַרף 'לויפן' צו אַ דבר מצוה? האָט דער 'חידושי הרי"ם' געענטפערט, אויב אַן עלטערער מענטש גייט אויף דער גאַס ווען עס נידערט אַראָפּ אַפילו אַ גרויסער שניי, וואָס ער קען קוים גיין אָנלענענדיג זיך אויף זיין שטעקן, אָבער אויב דער אַלטער מאַן וועט פלוצלינג דערזעהן ווי עס דערנענטערט זיך צו איהם אַ ווילדער לייב, וועלן זיך ערוועקן אין איהם גאָר שטאַרקע כוחות. ער וועט דאַן פאַרגעסן פון זיין שוואַכן געזונט צושטאַנד. ער וועט אַראָפּוואַרפן דעם שטעקן און וועט לויפן ווי אַ יונגל וואָס האָט שטאַרקע כוחות, ווייל באמת זענען באַהאַלטן אין יעדן מענטש גאָר פאַרהוילענע שטאַרקע כוחות, וואָס ווערן אַנטפּלעקט נאָר דאַן ווען דער מענטש געפינט זיך אין אַ קלעם. דאָס איז די כוונה פון פסוק, 'אחרי ה' ילכו' - זיי זאָלן גיין אַזוי ווי אַ מענטש וואָס גייט נעבן אַ שרעקעדיגן לייב, וואָס דאַן ווערן אין איהם ערוועקט גאָר שטאַרקע כוחות, ספּעציעל ווען עס קומט אונטער פאַר דעם מענטש אַ נסיון אין ענינים פון יראת שמים, דאַרף ער ערוועקן אין זיך די דאָזיגע כוחות צו אַנטלויפן מיט אַלע מעגליכקייטן, ווי איינער וואָס אַנטלויפט פון דעם לייב, צום הייליגן באַשעפער.

**ביי** דעם שעיר לעזאזל זאָגט אָבער דער פסוק (פסוק י') 'והשעיר אשר עלה עליו הגורל לעזאזל'. דאָרט זאָגט נישט דער פסוק 'ועשהו' - און ער זאָל עס מאַכן. מ'דאַרף טאַקע נישט אַרויפלייגן אויף דעם שעיר לעזאזל דעם גורל, און מ'דאַרף נישט זאָגן אַז דער שעיר זאָל זיין צום 'עזאזל' (תורת כהנים פ"ב, ה).

**דאַרף** מען פאַרשטיין, מיט וואָס איז דער שעיר לעזאזל אַנדערש ווי דער שעיר לה', אַז דעם שעיר לעזאזל רופט מען נישט מיט אַ נאָמען, מ'זאָגט נישט אַז ער זאָל גיין צום 'עזאזל'?

**ענטפערט** הרה"ק מסאטמאר זי"ע, אַז פון דאָ זעהען מיר, אַז אויב אַ מענטש וויל ברענגען אַ קרבן פאַר דעם אויבערשטען כדי צו ווערן באַוויליגט פאַר דעם אויבערשטען - דאַרף ער טוהן אַ מעשה. ער דאַרף זיך אויפהייבן פון אָרט, און זיך אָפּשאָקלען פון זיין נידעריגע מדריגה, און אַזוי קען ער דערנענטערט ווערן צו די קדושה'. אָבער ביי די סטרא אחרא, איז געננוג 'שב ואל תעשה', אָנצוקומען צום 'עזאזל' ח"ו.

**דאָס** איז אַ גרויסער לימוד פאַר יעדן איינעם פון אונז, אַז מ'דאַרף זיך אַסאַך באַמיהען און האָרעווען

---

**ז.** עס ווערט געפּסק'ענט ('מגן אברהם', או"ח סי' קל"א, סק"ד, בשם השל"ה הקדוש) אַז די ווערטער 'ואנחנו לא נדע' זאָגט מען זיצנדיג, און די ווערטער 'מה נעשה', זאָגט מען שטייענדיג. די בעלי הרמז זאָגן, אז דאָס איז אַ רמז, אַז ווען דער מענטש איז פויל און ער זיצט אויף אַן אָרט, זאָל ער נישט פרעגן 'מה נעשה' - וואָס זאָל איך טוהן... ער זאָל זיך אויפשטעלן פון אָרט, ווי אַ מענטש וואָס איז גרייט זיך צו געבן א ריר, און 'שטייענדיגערהייט', מעג ער פרעגן, 'מה נעשה' - וואָס זאָלן מיר טוהן...

די ספרים ברענגען אַ וואונדערליכן משל, אַ מענטש איז געזעסן ביי אַ מסיבה, וואו ער האָט זיך גוט 'אָנגעטרינקען', און דערנאָך איז ער אַהיימגעפאָרן מיט זיין אויטאָ. פאָרנדיג אויפ'ן וועג, איז ער אָפּגעשטעלט געוואָרן דורך אַ טראַפיק-פּאָליציאַנט, וועלכער האָט איהם אונטערזוכט מיט אַ ספּעציעלע מאַשינקע, צו זעהן אויב ער איז 'אָנגעטרינקען' און עס האָט זיך טאַקע אַרויסגעשטעלט אַז יאָ, ער איז 'שיכור ווי לוט'... וויבאַלד אין אַזאַ מצב, 'שיכור'ערהייט, טאָר ער דאָך נישט פירן אַן אויטאָ, האָט דער פּאָליסמאַן איהם געגעבן אַ 'טיקעט', מיט אַ געלט-שטראָף, אַזוי ווי דאָס געזעץ פאַרלאַנגט.

עטליכע מינוט שפּעטער, האָט דער זעלבער פּאָליציאַנט איהם ווידער אָפּגעשטעלט, און ער האָט איהם ווידעראַמאָל געגעבן אַ 'טיקעט'. נאָך אַ פּאָר סעקונדעס שפּעטער, האָט זיך די זעלבע סצענע איבערגע'חזר'ט נאָך אַמאָל... איז דער 'דרייווער' שוין געוואָרן אויפגערעגט, און ער האָט זיך צעשריגן אויפ'ן פּאָליציאַנט: 'דו האָסט שוין נישט בעסערס צו טוהן, נאָר מיך צו רודפ'ן ביז איך וועל אָנקומען אַהיים, וואָס דו שטעלסט מיך כסדר אָפּ, און דו געבסט מיר אַזעלכע געלט-שטראָפן?... וואָס האָב איך דיר געטוהן, אַז דו טשעפּעסט זיך דווקא צו מיר?! ס'איז דאָך אַסאַך בעסער פאַר דיר נאָכצולויפן און רודפ'ן 'געוועגליכע' פאַרברעכער, ווי צו דערגיין מיינע יאָרן?...'.

האָט דער פּאָליציאַנט איהם געענטפערט: אויב דו וועסט זיך אָפּטראָגן פון דעם 'אינטער-סעקשאָן', וועל איך דיך נישט רודפ'ן... פאַרוואָס פאָרסטו דא אַרום איין מאָל און נאָך אַמאָל... יעדעס מאָל וואָס דו פאָרסט מיר פאַרביי נאָך אַמאָל, גיב איך דיר נאָך אַ 'טיקעט'... צוליב זיין שיכרות, האָט דער דרייווער נישט געשפּירט אַז ער דרייט זיך אויפ'ן זעלבט אָרט, איין מאָל און נאָך אַמאָל... אנשטאט צו פאָרן ווייטער אויפ'ן וועג.

די 'מעשה' לערנט אונז אַ גרויסן מוסר השכל. אָפּט מאָל קען זיך דאַכטן פאַר דעם מענטש, אַז דער יצר הרע אַליין יאָגט איהם נאָך, כדי איהם צו מכשיל מיט עבירות. ער שרייט מיט זיין ביטער האַרץ, פאַרוואָס פּרובט מען מיך פון הימל מיט אַזוי פיל נסיונות... דער אמת איז אָבער, אַז אַלעס וואָס דער מענטש דאַרף טוהן, איז זיך 'אַוועקרוקן' פון יענעם אָרט... אַזוי וועט ער מען נישט געפּרובט ווערן, און ער וועט נישט פאַרשעמט ווערן...

אויך לערנען מיר פון דאָ, אָפּט מאָל טוט אַ מענטש באַשולדיגן די גאַנצע וועלט. ער שפּירט נישט אַז ער איז גאָר דער וואָס איז 'שולדיג'... אויב ער וועט זיך גוט נאָכקוקן, וועט ער זעהן אַז אַלעס ווענדעט זיך נאָר אין איהם... אויב מ'שטאַרקט זיך אָבער, זעהט מען אַז פון דאָ און ווייטער איז עס פיל לייכטער און געשמאַקער.

איינע פון די חסידים פון הרה"ק רבי שלום בער זי"ע פון ליובאַוויטש, האָט אַמאָל באַמערקט ווי דער שטאָטישער קצב געפינט זיך ביים רבי'ן אין צימער, און דער רבי רעדט מיט דעם קצב, וועלענדיג איהם מעורר זיין צו עבודת השם. צווישן אַנדערע, האָט דער חסיד געהערט ווי דער רבי רש"ב זאָגט פאַר דעם קצב, די משנה זאָגט (סוף מסכתא

מיט אַלע כוחות ווען מ'איז מקיים מצוות און מעשים טובים. מ'טאָר זיך נישט אַרויסדרייען דערפון אַפילו בלויז אביסל, ווייל דער ביטול קען גורם זיין פאַר דעם מענטש אַז ער זאָל אינגאַנצן פאַרלוירן ווערן חלילהה.

**זאָגט** הרה"ק מסאטמאר זי"ע, אַז אויף דעם זאָגט די משנה (יומא פה:) 'מה מקוה מטהר את הטמאים, אף הקדוש ברוך הוא מטהר את ישראל'. לכאורה איז שווער, די טהרה פון אַ קוואַל איז דאָך גרעסער ווי די

---

פאה) אַז איינער וואָס איז נישט הינקענדיג אָדער בלינד, און ער מאַכט זיך ווי איינער פון זיי, וועט ער נישט אַוועקגיין פון דער וועלט ביז ער וועט נישט ווערן הינקעדיג אָדער בלינד. האָט דער רבי רש"ב געזאָגט צו דעם קצב: די כוונה דערפון איז, איינער וויל גיין אויף אַן אָרט וואו אַ מענטש טאָר נישט גיין, און ער איז נישט 'הינקעדיג', נאָר ער מאַכט זיך הינקעדיג, כאילו ער איז נישט אימשטאַנד אַהין צו גיין, און דאָס זעלבע, איינער וואָס גליסט צו קוקן דאָרט וואו מ'טאָר נישט קוקן, אָבער ער שטאַרקט זיך אויף זיין יצר און ער מאַכט זיך ווי איינער וואָס איז 'בלינד' חלילה, קען ער זיין זיכער אַז דער אויבערשטער וועט איהם היטן אַז ער זאָל קיינמאָל נישט אָנקומען צו אַזעלכע נסיונות. דער סוף וועט זיין, אַז ער וועט זיין ווי 'הינקעדיג' - ער וועט נישט אָנקומען דאָרט וואו מ'טאָר נישט גיין, און ער וועט זיין ווי אַ 'בלינדער' - נישט צו גליסטן צו זעהן וואָס אַ מענטש טאָר נישט זעהן.

פאַרשטייט זיך אַז די זעלבע איז פאַר איינעם וואָס ער מאַכט זיך ווי ער וואָלט געווען שטום, ער האַלט זיך צוריק פון זאָגן ווערטער וואָס אַ איד טאָר נישט רעדן, וועט ער נישט שטאַרבן ביז דער אויבערשטער וועט איהם פריהער העלפן טאַקע צו זיין ווי אַ שטומער...

**ח.** דער הייליגער 'קדושת לוי' זי"ע זאָגט (החדש, ליקוטים) אויף די ווערטער פון חז"ל (מגילה כט.) אַז לעתיד לבוא וועלן אַלע שולן און בתי מדרשים פון חוץ לארץ אַריבערגעפירט ווערן קיין ארץ ישראל. זאָגט דער 'קדושת לוי' על דרך מוסר, אין די שולן דאַוונט מען און מ'לייענט קריאת שמע אינדערפרי און ביינאַכט. די דאָזיגע שולן וועלן אַריבערגעפירט ווערן קיין ארץ ישראל, טראָץ דעם וואָס איבער דעם עיקר חיוב פון תפילה איז אַ מחלוקת אין די ראשונים (רמב"ם, פ"א מהלכות תפילה, הלכה א') און אין ספר המצוות להרמב"ם (מצוה ה', און זעה אויך השגות הרמב"ן, און אין ספר החינוך, מצוה תלג), אויב ס'איז אַ חיוב מן התורה צו דאַוונען, אָדער ס'איז מדרבנן. אויך לגבי דעם חיוב צו לייענען קריאת שמע, איז אַ מחלוקת אין דער גמרא (ברכות כא.) אויב עס איז מן התורה, אָדער מדרבנן.

פון דעם קען מען אַרויסלערנען אַ 'קל וחומר', אַז אויך די אידישע הייזער וועלן אַריבערגעפירט ווערן קיין ארץ ישראל, ווייל דאָרט איז מען דאָך זיכער מקיים הונדערטער מצוות עשה דאורייתא, אַזוי ווי מזוזה, ברכת המזון, און צדקה פאַר אָרימעלייט. איז דאָך אַוודאי געוויס אַז יעדעס ערליך אידיש הויז וועט אַריבערגעפירט ווערן קיין ארץ ישראל.

דאַרף מען פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ חשיבות וועט האָבן אַזאַ הויז, אַז מ'זאָל עס דאַרפן אַריבערפירן קיין ארץ ישראל? גאַנץ רעכט די שולן און בתי מדרשים, וועלן לעתיד לבוא דינען אַלס ערטער פון תורה און תפילה פאַר אידן, אָבער וואָס וועט מען דאָרט טוהן מיט די אידישע הייזער?

ענטפערט הרה"ק מסאטמאר זי"ע (הגדה של פסח מהר"י ט"ב, ע' נז, ד"ה 'והנה אז'), אין דעם הויז וואו אַ איד וואוינט, קעמפט ער מיט זיין יצר הרע, און דאָס וועט זיין אַ 'יקר המציאות' אין די צייטן פון די גאולה, ווייל די גמרא זאָגט (סוכה נב.) אַז לעתיד לבוא וועט דער אויבערשטער שחט'ן דעם יצר הרע. ממילא, וויבאַלד עס וועט דעמאָלס נישט זיין אַ מלחמה מיט'ן יצר הרע, וועלן די פריוואַטע היימען פון אידן זיין גאָר חשוב, ווייל זיי וועלן דערמאַנען די שיינקייט פון דעם 'כרם בית ישראל', ווייל דאָ האָבן אידן געקעמפט מיט זייער יצר הרע, און איהם באַזיגט.

לויט דעם, האָט הרה"ק מסאטמאר זי"ע געטייטשט די ווערטער וואָס מיר זאָגן אין די הגדה של פסח: 'השתא הכא, לשנה הבאה בארעא דישראל'. יעצט געפינען מיר זיך אין גלות, אָבער דאָס קומענדיגע יאָר וועלן מיר זוכה זיין אַז אונזערע הייזער זאָלן אַריבערגעפירט ווערן קיין ארץ ישראל. איי, קען מען פרעגן, וואָס פאַראַ חשיבות וועלן די אידישע הייזער האָבן לעתיד לבוא? אויף דעם זאָגן מיר ווייטער: 'השתא עבדי - יעצט זענען מיר ליידער פאַרקנעכטעט און מיר דאַרפן פירן מלחמות מיט'ן יצר הרע. 'לשנה הבאה בני חורין' - דאָס קומענדיגע יאָר וועלן מיר זיין פריי פון דעם שטן און זיינע חיילות. ממילא, וועלן די אַלע בנינים דעמאָלס האָבן אַ ספּעציעלע חשיבות, ווייל אין די אידישע הייזער האָט מען געדינט דעם אויבערשטען מיט האָרעוואַניע, און דאָס וועט זיין חשוב'ער ווי גאָלד און טייערע שטיינער.

טהרה פון אַ מקוה (ספרי פ' שמיני, פ"ט, ג), אויב אַזוי, פאַרוואָס האָבן חז"ל צוגעגליכן די טהרה פון אידישע קינדער צו אַ מקוה, און נישט צו אַ קוואַל?

**איז** דער תירוץ, דער קוואַל איז באַשאַפן געוואָרן אין די זעקס טעג פון בריאת העולם, און איז נישט געמאַכט געוואָרן דורך האַנט אַרבעט פון מענטשן. דער בור פון אַ מקוה ווערט אָבער יאָ געגראָבן מיט מענטשליכע פלאַג און האָרעוואַניע. דאָס זעלבע איז ביי די טהרה פון דעם נפש. דער מענטש דאַרף זיך פלאָגן דערביי, כדי קונה צו זיין ענינים פון קדושה און איינוואָרצלען אין זיך די 'גינונים' פון טהרה. נאָר דעמאָלט קען ער זוכה זיין צו דעם סיום פון דעם מאמר, 'אף הקדוש ברוך הוא מטהר את ישראל'. נאָר נאָך דעם ווי דער מענטש עפענט אַ טירל 'כחודו של מחט', און ער פלאָגט זיך דערויף, קען ער זוכה זיין אַז מ'זאָל פאַר איהם עפענען אַ גרויסע טיר 'כפתחו של אולם'[ט].

### למען נסותך - דאָס חשיבות פון אידן איבער די מלאכים צוליב די נסיונות

**אין** דער היינטיגער סדרה (אחרי, טז, יז) לייענען מיר: 'וכל אדם לא יהיה באהל מועד בבואו לכפר בקודש עד צאתו'. זאָגט דער ירושלמי (יומא פ"ה, ה"ב) אַז דאָס וואָרט 'וכל' איז אַ ריבוי אויף די מלאכים. אויך אַ מלאך האָט זיך נישט געטאָרט געפינען אין קדשי קדשים ווען דער כהן גדול איז דאָרט אַריינגעקומען, ביז ער איז אַרויס פון דאָרט אין דעם הייליגן טאָג יום כיפור.

---

**ט.** דער מענטש דאַרף וויסן, אַז אויך ווען ער איז אין אַ מצב פון אַ 'נפילה' חלילה וחס, האָט דער אויבערשטער איהם ליב, ווי דער פסוק זאָגט אין דער היינטיגער סדרה (טז, טז) 'וכן יעשה לאהל מועד השוכן אתם בתוך טומאותם', זאָגט רש"י, אַז אויך ווען זיי זענען טמא, רוהט אויף זיי די הייליגע שכינה, און הרה"ק בעל 'בת עין' זי"ע זאָגט ('בת עין', מהדורא חדשה, הוספות בסוף הספר), אַז דער מענטש וואָס גלייבט נישט אַז דער אויבערשטער רוהט צווישן אידן אויך ווען זיי זענען טמא, איז ער אויך אינעם גדר פון אַן אפיקורס.

אדרבה, דער אויבערשטער דערנענטערט זיך צו דעם מענטש איהם צו רייניגן פון יעדן שמוץ, ווי דער 'אור החיים' הקדוש זי"ע זאָגט אויף דעם פסוק (ירמיה לא, יט) הבן יקיר לי אפרים אם ילד שעשועים, כי מדי דברי בו זכור אזכרנו עוד, על כן המו מעי לו, רחם ארחמנו נאום ה'. עס איז דער שטייגער פון מענטשן זיך צו דערווייטערן פון אַ מענטש וואָס עס קומט פון איהם אַ נישט גוטער ריח. אַנדערש איז אָבער ווען אַזאַ ריח קומט פון אַ קליין קינד. דאַן איז נישט נאָר וואָס דער ריח דערווייטערט נישט די עלטערן פון זייער קינד, נאָר אדרבה, זיי ווילן איהם אַנטקעגנלויפן מיט גרויס ליבשאַפט, כדי איהם אָפּצורייניגן פון יעדן סאָרט שמוץ, אַז ער זאָל ווערן ריין.

דאָס זעלבע, זאָגט דער אויבערשטער צו די אידן: מיינע טייערע ליבע קינדער, אפילו אויב איר האָט זיך חלילה פאַרשמירט דורך די עבירות, אָבער וויבאַלד 'הבן יקיר לי אפרים', זענט איר נאָך אַלץ ביי מיר אַזוי ווי אַ 'ילד שעשועים', ווי אַ קליין קינד וואָס זיינע עלטערן שפילן זיך און דערקוויקן זיך מיט איהם אין יעדער צייט, נישט קיין נפק"מ אין וועלכן מצב דאָס קינד געפינט זיך. און אויף דעם פירט אויס דער פסוק: כי מדי דברו בו, זכור אזכרנו עוד. אין יעדן מצב וואָס אַ איד געפינט זיך, רחם ארחמנו נאום ה'. ('מאור החיים', ע' כה, וואָס זיין תלמיד הג"ר שלמה פראַנקאָ זצ"ל האָט מחבר געווען)

אַזוי האָט אויך געזאָגט הרה"ק רבי שלמה'ק זוועהילער זי"ע (געברענגט אין ספר 'מאמר מרדכי', און אין ספר 'יסוד צדיק', פ' תולדות), אויפ'ן פסוק (בראשית כז, טו) 'ותקח רבקה את בגדי עשו בנה הגדול... ותלבש את יעקב בנה הקטן'. דאַרף מען פאַרשטיין, פאַרוואָס רופט דער פסוק יעקב אבינו ע"ה מיט'ן טיטל 'קטן', און עשו ווערט גערופן 'גדול', אין דער צייט וואָס עשו איז געווען עלטער פון יעקב מיט בלויז עטליכע מינוטן אָדער סעקונדעס?

האָט הרה"ק רבי שלמה'קע זוועהילער זי"ע געענטפערט, ווען אַ יונג קינד דאַרף האָבן הילף, קוקט מען נישט נאָך דאָס קינד צו זעהן אויב ער איז יעצט ריין אָדער נישט, נאָר מ'האַלדזט און מ'קושט איהם און מ'ווייזט איהם אַרויס אַ שטאַרקע ליבשאַפט, אָבער ווען אַ גרעסער קינד איז פאַרשמירט, טוט זיך יעדער איינער דערווייטערן פון איהם. צוליב דעם ווערט יעקב אבינו ע"ה אָנגערופן 'קטן', ווייל ער און זיינע קינדער רוהען אויפ'ן שויס פונעם הייליגן באַשעפער, וועלכער טוט זיי האַלדזן און קושן, אין וועלכן מצב זיי געפינען זיך - אויך ווען זיי זענען חלילה פאַרשמירט מיט עבירות. אָבער די גוים, די קינדער פון עשו הרשע, ווערן אָנגערופן 'הגדול', ווי אַ גרויס קינד וואָס איז פאַרשמירט, וואָס יעדער איינער זוכט צו אַנטלויפן פון איהם...

**זאָגט** דער 'ישמח משה' (פ' ראה, ד"ה 'והיה המקום') אַז די מלאכים קענען נישט אַריינקומען 'לפני ולפנים', אין דער אויסדערוויילטער צייט פון יאָר, דער הייליגער טאָג יום כיפור, נאָר דער כהן גדול, וואָס ער איז נזדכך געוואָרן ווייל ער האָט אויסגעקליבן דעם גוטן וועג. דאָס הייסט, ער איז בייגעשטאַנען זיינע נסיונות און ער האָט זיך געשטאַרקט אויף זיין יצר הרע. ער אַליין קען אַריינקומען אין קודש הקדשים. אָבער די מלאכים, וואָס האָבן נישט אַ יצר הרע. ביי זיי איז נישט שייך די שלעכטע מידות פון קנאה און שנאה (שבת פט.), פעלט זיי די גרויסקייט פון ביישטיין און זיך שטאַרקן אויף אַ נסיון. וועגן דעם האָבן זיי נישט געקענט אַריינקומען אין קודש הקדשים.

**פון** דעם זעהען מיר, אַז ווען דער מענטש שטאַרקט זיך אין צייט פון אַ נסיון און ער באַזיגט דעמאָלס זיין יצר הרע, איז ער זוכה צו שטייגן צו אַ מדריגה וואָס איז פיל העכער ווי די מדריגה פון אַ מלאך', און צוליב דעם טעם ווערט דער בית המקדש אָנגערופן אין לשון פון חז"ל (סנהדרין כ:, ועוד), מיט'ן נאָמען 'בית הבחירה' - ווייל דער כהן האָט אויסגעוויילט דעם דרך הטוב והישר, דערפאַר איז ער ראוי און חשוב צו טוהן די עבודה אין בית המקדש.

**דער** 'שפת אמת' זי"ע זאָגט (וארא, שנת תרמ"ה) ווען אידן זענען מקיים מצוות און מעשים טובים, זאָגן זיי עדות אויף דעם אויבערשטען, אַז ער איז דער איין-איינציגער באַשעפער. 'אחד יחיד ומיוחד, ואין בלתו'.

**עס** ווערט גע'פסק'ענט (סנהדרין מא.) לגבי עדות, אַז אַן 'עדות שאי אתה יכול להזימה' [דאָס הייסט, מ'קען נישט אָפּפרעגן און אָפּלייקענען די ווערטער פון די עדים, מיט די טענה פון 'עמנו הייתם'] איז נישט קיין עדות. דאָס זעלבע, ווען די אידן זאָגן עדות אַז דער אויבערשטער איז גרויס און ער איז דער איינציגער באַשעפער אויף דער וועלט, איז אַזאַ עדות גאָרנישט ווערט, אויב אַלעם גייט 'אָן שוועריגקייטן'... אדרבה, אין פאַל פון אַ נסיון, ווען דער מענטש קען קומען 'לידי הזמה' ח"ו, זאָגט דער מענטש אַ כשר'ע 'עדות' בשלימות, ווען ער שטאַרקט זיך און ער טוט דעם רצון הבורא. דאָס פאַרשאַפט דעם גרעסטן פאַרגעניגן פאַר דעם אויבערשטען, ווען דער מענטש שטאַרקט זיך אויף זיין נסיון[א].

---

**י.** די משנה זאָגט (אבות פ"ה, מכ"ב) 'לפום צערא אגרא'. אַ מענטש באַקומט שכר פאַר'ן טוהן אַ מצוה, לויט ווי שווער ס'איז איהם אָנגעקומען עס מקיים צו זיין. זאָגן די ספרים, דער תנא זאָגט אויף אַראַמיש לשון, 'לפום צערא אגרא', און נישט אויף לשה"ק אַזוי ווי אין דער גאַנצער מסכתא אבות, ווייל די גמרא זאָגט (ברכות ג. ד"ה 'היה') אַז די וועלט זאָגט אַז מ'זאָגט קדיש אויף אַראַמיש לשון, ווייל קדיש איז אַ שיינע תפילה, און אַ גרויסער שבח פאַר דעם אויבערשטען, וועגן דעם זאָגט מען עס אויף לשון תרגום, כדי די מלאכים זאָלן עס נישט פאַרשטיין [ווי די גמרא זאָגט (שבת יב:) שאין מלאכי השרת מכירין בלשון ארמי], און זיי וועלן האָבן קנאה אויף די אידן אַז זיי זאָגן יאָ קדיש. וועגן דעם זאָגט דער תנא אויך אויף דער אַראַמישער שפּראַך די ווערטער 'לפום צערא אגרא', ווייל די מלאכים פאַרשטייען עס נישט, און אַזוי וועלן זיי נישט מקנא זיין די אידן.

הרה"ק רבי דוד'ל טאָלנער זי"ע האָט געזאָגט בדרך צחות, אַ טעם פאַרוואָס אברהם אבינו ע"ה האָט געגעבן פאַר די מלאכים דריי צינגען פון אַ בהמה, מיט 'חרדל', ווייל חרדל איז אַ שאַרפע זאַך, און ווען מ'עסט עס 'שטעכט' עס די צונג. האָט אברהם געוואָלט מרמז זיין פאַר די מלאכים, אַז דער מענטש האָט אַ גרעסערע מעלה ווי זיי, ווייל אַ מלאך האָט קיינמאָל נישט געשפּירט דעם שווערן געפיל וואָס דער מענטש שפּירט ווען אַ צווייטער שטעכט איהם מיט זיין מויל, און ער דאַרף זיך איינהאַלטן נישט צו ענטפערן. וויבאַלד די מלאכים האָבן נישט נסיונות אַזוי ווי אַ בשר ודם, זענען זיי אויף אַ קלענערע מדריגה ווי דער מענטש.

**יא.** הרה"ק רבי אשר סטאָלינער זי"ע האָט אַמאָל דערציילט אין אַ מוסר-שמועס פאַר די חסידים, די פאָלגענדע מעשה: אַ סאָלדאַט אין דער אַרמיי פון רוסישן צאַר ניקאָלאַי ימ"ש, איז געווען שטאַרק נאכגעצויגן נאָכ'ן 'ביטערן טראָפּן', און כסדר פלעגט ער זיך אָנ'שיכור'ן מיט ווין. איינמאָל ווען ער האָט געוואָלט קויפן ווין צו טרינקען, און האָט נישט געהאַט קיין געלט דערפאַר, האָט ער אַרויסגענומען זיין שווערד פונעם שיידן. ער האָט אַרויסגענומען דעם שאַרפן טייל, און דאָס הענטל האָט ער געלאָזט פאַר זיך. כדי מ'זאָל נישט דערקענען זיין אַקט,

די ספרים שרייבן, דאָס וואָרט 'נסיון' איז אויך פון לשון אויפהייבן, ווי דער פסוק זאָגט (תהלים ס, ו) 'נתתה ליראיך נס להתנוסס'. דער מענטש איז אימשטאַנד זיך אויפצוהייבן צו די העכסטע מדריגות, אויב ער טוט ביישטיין דעם נסיון, און ער נעמט אָן מיט ליבשאַפט אַלעם וואָס דער אויבערשטער טוט[יב].

די גמרא זאָגט (ר"ה לא.) אַז די וועלט וועט שטיין זעקס טויזנט יאָר, 'וחד חרוב' - און איין טויזנט יאָר וועט די וועלט זיין וויסט. פרעגט דער הייליגער בעל התניא זי"ע (אין ספר 'תורה אור', צו.) פאַרוואָס זאָגן חז"ל דאָס לשון 'חרוב'? ווי אַזוי קען מען עס אָנרופן 'חורבן'? אדרבה, די וועלט וועט דאַך שוין דעמאָלס האָבן

---

האָט ער אָנגעפילט דאָס הענטל מיט שטרוי, עס זאָל אויסזעהן ווי אַ שווערד... דאָס געלט וואָס ער האָט באַקומען פאַר די שווערד, האָט ער גענוצט צו קויפן אַ פּאָר פלעשער ווײַן צו טרינקען.

אַ צייט שפּעטער, האָט דער צאַר אַמאָל באַזוכט אין יענעם אײנהייט ווי יענער סאָלדאַט האָט געדינט, כדי צו זעהן אויב זיי זענען געטריי פאַר'ן לאַנד, און קיינער פון זיי זוכט נישט זיך אַרויסצודרייען פון זיינע פליכטן. אַלזאָ, די טויזנטער סאָלדאַטן זענען געשטאַנען אין רייען מיט אַ יראת הכבוד, און דער צאַר איז פאַרבייגעגאַנגען די סאָלדאַטן, צו זעהן אויב אַלעס איז 'אין אָרדענונג'. פאַרבייגייענדיג יענעם סאָלדאַט, האָט ער צאַר איהם צוגערופן, און איהם באַפוילן אַרויסצונעמען זיין שווערד. בלית ברירה, האָט דער סאָלדאַטן אַרויסגענומען די 'שווערד' - די שטרוי - פונעם הענט, און אַלע האָבן געזעהן אַז עס פעלט דאָרט די שווערד... זעלבסט-פאַרשטענדליך, אַז דער צאַר איז געוואָרן אויפגעצאָרנט, און האָט באַפוילן צו באַשטראָפן דעם ווידערשפּעניגנדיגן זעלנער מיט די האַרבסטע שטראָפן.

און דער הייליגער רבי אשר סטאָלינער זי"ע האָט אויסגעפירט די מעשה: עס איז דאָך זעלבסט-פאַרשטענדליך, אַז דער רשע, דער צאַר ניקאָלאַי ימח שמו, האָט נישט געהאַט 'רוח הקודש'... אויב אַזוי, פון וואו האָט ער געוואוסט אַז דייקא ביי יענעם סאָלדאַט איז עפּעס 'נישט אין אָרדענונג', אַנדערש ווי ביי די אַנדערע סאָלדאַטן?! נאָר וואָס דען, די אַנדערע זעלנער זענען געשטאַנען אַביסל איינגעבויגן צוליב די שווערע וואָג פון זייערע שווערדן. אָבער דער סאָלדאַט וואָס האָט נישט געהאַט אַ שווערד, נאָר שטרוי... איז געשטאַנען הויך און מוטיג, מיט אַ 'קומה שלימה'. פון דעם האָט דער צאַר פאַרשטאַנען, אַז עפּעס איז דאָ נישט אין אָרדענונג מיט איהם.

דאָס איז פאַר דעם מענטש אַ גרויסער לימוד, אַז עבודת השם איז דאָרט וואו דער מענטש שטייט מיט אַ 'קומה כפופה', ער שטייט איינגעבויגן, מיט הכנעה. דייקא אין די שוועריגקייטן, וואו דער מענטש איז 'איינגעבויגן', קען די שכינה רוהען אויף דעם מענטש.

**יב.** אַ איד האָט זיך אַראָפּגערעדט פון האַרצן פאַר אַ גדול, אַז ער פּלאָגט זיך מיט זיין יצר הרע, וועלכער קומט צו גיין יעדן טאָג מיט נייע 'געשעפטן', און ער שפּירט זיך פשוט מאַכטלאָז צוליב די גרויסע נסיונות. האָט דער גדול איהם מסביר געווען, אַז דער תכלית פון דעם נסיון איז נישט חלילה אַז מ'זאָל עס ביישטיין, און נישט מער. דער עיקר תכלית פון דעם נסיון איז אַז מ'זאָל דורך דעם צוקומען צו אַן עליה, צו ווערן דערהויבן ברוחניות.

דער גדול האָט עס געגעבן צו פאַרשטיין מיט אַ משל: ווען מ'קאָכט אַ טעפּל מיט וואַסער, ברענגט עס פאַרשידענע רעזולטאַטן. עס זענען דאָ פּרוכטן (אַזוי ווי קאַרטאָפל) וואָס ווערן ווייך דורך דעם וואָס מ'קאָכט זיי אָפּ אין וואַסער. פון דער צווייטער זייט, ווערט אַן איי הארט ווען מ'קאָכט עס מיט וואַסער. דאָס וואַסער אַליין, ווערט נישט געענדערט פון דעם וואָס עס איז געווען פריער, נאָר דאָס עצם אויפקאָכן וואַסער, ברענגט אַריין אַ שינוי לטובה, אַז מ'זאָל קענען דערפון אָנגרייטן אַ געשמאַקן וואַרימען עסן און געטראַנקען.

דאָס זעלבע איז מיט די נסיונות - האָט יענער גדול ווייטער געזאָגט. - זיי זענען אַזוי ווי 'הייס וואַסער' וואָס 'קאָכט'. די תוצאה דערפון ווענדעט זיך נאָר אין דעם מענטש גופא. ביי טייל מענטשן, איז דער צער פון דעם נסיון גורם זיי זאָלן ווערן שוואַכער און 'ווייכער'. דורך דעם נסיון ווערן זיי אַזוי ווי אַ 'קאַרטאָפל', וואָס ווערט ווייכער און מ'וועט עס צערייבן. פון דער צווייטער זייט, זענען דאָ גיבורים וואָס שטאַרקן זיך מיט אַלע כוחות קעגן זייער יצר הרע. זיי זענען אַזוי ווי דאָס איי, וואָס ווערט האַרט ווען מ'קאָכט עס. די גרעסטע מעלה איז אָבער ווען דער מענטש טוט איבערדרייען דעם עצם נסיון פאַר עבודת השם, און ער מאַכט פון דעם נסיון אַ 'נס'. דאָס איז אַזוי ווי איינער נעמט דעם הויפּט טייל פון וואַסער, און מאַכט דערפון אַ משקה וואָס איז ראוי צו טרינקען. 'מעז יצא מתוק' - די עצם שוועריגקייט פון דעם נסיון, גיט אַריין אין דעם מענטש אַ 'טעם לשבח', און ער שטייגט ווייטער צו קענען ממשיך זיין צו גיין אויפ'ן דרך המלך.

דערגרייכט איר תכלית און פולשטענדיגן תיקון.

**ענטפערט** דער בעל התניא, אז לעתיד לבוא וועט דער יצר הרע מער נישט עקזיסטירן. דער אויבערשטער וועט פארטרייבן פון דער וועלט דעם רוח הטומאה, ממילא וועט עס נישט האבן א זינען אז די וועלט זאל עקזיסטירן, ווייל דער אויבערשטער האט דאך אין די הימלען פילע צענדליגער טויזנטער הייליגע מלאכים וועלכע האבן נישט קיין יצר. דער גאנצער רצון פון דעם אויבערשטן באשטייט פון די מענטשן וואס געפינען זיך אויף דער וועלט און האבן נסיונות בייצושטיין, און זיי שטארקן זיך אויף זייער יצר. אויב עס איז וואלט נישט געווען א יצר הרע, וואלט דער אויבערשטער כביכול נישט געדארפט האבן די וועלט. וועגן דעם זאגן חז"ל אז איין טויזנט יאר וועט עס זיין חרוב, ווייל א וועלט אן דעם יצר הרע, איז א 'חרוב'ע וועלט'.

**ענליכע** ווערטער, זאגט דער הייליגער מעזריטשער מגיד זי"ע, א כוונה אין די ווערטער פון חז"ל (קידושין ל:) אז דער אויבערשטער זאגט צו די אידן, מיינע קינדער, איך האב באשאפן דעם יצר הרע, אבער איך האב באשאפן א 'תבלין' פאר איהם[יג]. דער גאנצער מהות פון א 'תבלין' ('ספייסעס' בלע"ז) איז אריינצוגעבן א גוטן טעם אין דעם געקעכטס. קומט אויס, אז די תורה איז דער 'תבלין' וואס 'מאכט זיס' דעם יצר הרע, ווייל דער יצר הרע איז אזוי ווי דער 'געקעכטס'. די גאנצע מעלה פון דעם מענטש איז נאר צוליב דעם יצר הרע וואס פרובירט איהם איבערצורעדן צו זינדיגן ח"ו, און דער מענטש האלט זיך שטארק און פעסט קעגן דעם יצר, נאר מ'דארף איהם 'זיס מאכן', און די תורה גיט פאר דעם מענטש דעם כוח זיך קעגנצושטעלן דעם יצר הרע.

### בצדק תשפוט - אננעמען אלעס מיט ליבשאפט

**אויפ'ן** פסוק אין דער היינטיגער סדרה (קדושים יט, טו) 'בצדק תשפוט עמיתך', זאגן די בעלי התוספות ('מושב זקנים' על התורה) אז דער פסוק איז מרמז, אויב עס קומט אויף דעם מענטש מדת הדין ח"ו איז דא א מצות עשה מצדיק צו זיין אויף זיך דעם דין[יד]. אויף דעם זאגט דער פסוק, 'עמיתך', וואס עס גייט ארויף אויף דעם

---

**יג.** דער 'אמרי יוסף' (פ' תצא, ד"ה 'אכן להבין') ברענגט אין נאמען פון הרה"ק רבי אשר'ל ראפשיצער זי"ע, אז ער האט געטייטשט די ווערטער וואס מיר זאגן יעדן שבת אינדערפרי ('א-ל אדון'), 'טובים מאורות שברא אלוקינו, יצרם בדעת בבינה ובהשכל. כח וגבורה נתן בהם להיות מושלים בקרב תבל'. די צדיקים ווערן אנגערופן 'מאורות', ווייל זיי פארשיינען און באלייכטן די וועלט מיט זייער תורה און מעשים טובים. זיי זענען גוט ('טובים מאורות'), ווייל 'יצרם' - זייער יצר הרע, איז אזא יצר הרע 'בדעת בבינה ובהשכל'. דאס הייסט, דער אויבערשטער האט געגעבן פאר די צדיקים א 'קלוגן' יצר הרע, און ער פרובט מיט אלע כוחות צו מכשיל זיין דעם צדיק אין זיין עבודה. ווי אזוי קען א בשר ודם זיך שטארקן קעגן דעם יצר? אויף דעם זאגן מיר: כח וגבורה נתן 'בהם' - דער אויבערשטער האט אריינגעגעבן אין אידישע קינדער א כח צו קענען געוועלטיגן ('להיות מושלים') אויף דעם יצר הרע, דער 'מלך זקן וכסיל'. ווי אזוי קען דער מענטש באזיגן זיין יצר? 'בקרב תבל' - דורך די תורה, וואס איז א 'תבלין' ('תבל') קעגן דעם יצר הרע.

**יד.** באמת איז דער מענטש נישט אימשטאנד צו פארשטיין די טיפקייט פון דעם אויבערשטען'ס חשבונות, נאר מיר גלייבן באמונה שלימה, 'א-ל אמונה ואין עול, צדיק וישר הוא'. דער מענטש קען קיינמאל נישט וויסן וויפיל צער און עגמת נפש ער שפארט זיך דורך די שוועריגקייטן וואס ער גייט אריבער.

ס'איז דער שטייגער פון מענטשן צו זאגן וועגן א מענטש וואס איז 'געפאלן' און האט זיך צעקלאפט א.ד.ג., אז ער איז ארויס 'בשן ועין'... דער מקור פון דעם ווערטל שטאמט פון דעם דין ביי אן עבד כנעני, וואס ער גייט ארויס פריי 'בשן ועין'. אויב זיין האר האט איהם געשלאגן און דורך דעם אויסגעהאקט א צאן אדער אן אויג, גייט דער קנעכט ארויס פריי. דאס איז א רמז, אז דורך דעם וואס מ'האט געשלאגן דעם קנעכט, האט מען איהם געטוהן א גרויסע טובה (ווי די גמרא זאגט אין מסכת ברכות דף ה.), און אזוי ביי יעדע 'מכה' וואס דער מענטש כאפט, קומט איהם ארויס דערפון א גרויסע טובה. ער איז 'יוצא' זיין חיוב 'בשן ועין'...

הרה"ק רבי ישעי'לע קערעסטירער זי"ע איז אין זיין לעצטן יאר געפארן קיין צאנז, צום יארצייט פון הייליגן 'דברי חיים' זי"ע (כ"ה ניסן), וואו ער האט דארט באקומען גאר אסאך כבוד. מאסן מענטשן האבן זיך געשטופט צוצוקומען צו איהם און געבעטן א ברכה פונעם צדיק. אין דער גרויסער שטופעריי, האט עמיצער געטראטן אויפ'ן פוס פון

אויבערשטען[טו]. דאַן באַרימט זיך דער אויבערשטער איבער די מלאכי השרת[טז] וכו' (עיי"ש), עכ"ל.

די מעלה פון אַ איד וואָס האָט אמונה אין דעם אויבערשטען, און ער נעמט אָן די הנהגה פון דעם אויבערשטען ברוך הוא[יז] מיט ליבשאַפט[יח], קען מען זעהן פון די ווערטער פון הרה"ק בעל 'תפארת שלמה' זי"ע (לפורים, ד"ה 'ומתנות'), אויף די ווערטער פון זוהר הקדוש (ח"א כג:) אויפ'ן פסוק (תהלים קב, א) 'תפילה לעני כי יעטוף'. די תפילה פון אַן אָרימאַן איז נענטער

---

רבי ישעי'לע, און ער איז פאַרוואונדעט געוואָרן. עס האָט גערינען בלוט, און דער פוס איז געוואָרן פאַרגיפטעט ל"ע. צוליב דעם האָט הרה"ק רבי ישעי'לע זיך זייער נישט גוט געשפּירט, ליידנדיג גרויסע יסורים ל"ע, און זיינע משמשים האָבן געוואָלט דינגען אַ 'שנעל-צוג', כדי דער רבי זאָל קענען אַהיימקומען קיין קערעסטיר וואָס פריער. רבי ישעי'לע האָט אָבער נישט מסכים געווען, זאָגנדיג, 'אַ שאָד אויף אידיש געלט' (די גרויסע געלטער וואָס האָבן זיך 'געוואַלגערט' ביי רבי ישעי'לען, זענען געווען מוקדש פאַר אַנדערע אידן און פאַר זיינע גרויסע צדקות, און ער האָט נישט געוואָלט אויסגעבן געלט פאַר זיין אייגענעם געברויך), און ער איז אַהיים געפאָרן מיט אַ געווענליכע באַן.

אויפ'ן וועג, האָט הרה"ק רבי ישעי'לע זיך זייער נישט גוט געשפּירט, און ווען מ'איז ענדליך אָנגעקומען קיין קערעסטיר, האָט מען וואָס שנעלער געוואָלט אַריבערברענגען אַ דאָקטאָר צו באַהאַנדלען דעם רבי'ן. רבי ישעי'לע האָט אָבער נישט איינגעשטימט דערצו, זאָגנדיג אַז קיינער קען איהם נישט העלפן, ווייל דער גזר דין איז שוין ליידער פאַרזיגלט רח"ל. עס האָט געשאַדט אַן 'עין הרע', האָט ער געזאָגט.

און הרה"ק רבי ישעי'לע האָט צוגעגעבן, אַז באמת, האָט אויך אַ יאָר פריער איהם געשאַדט אַן עין הרע אין צאַנז, נאָר צוריקפאָרנדיג פון צאַנז קיין קערעסטיר, ווען מ'איז אַדורכגעפאָרן די גרעניץ צווישן גאַליציע און אונגאַרן, האָבן די גרעניץ-וועכטער אויפגעהאַלטן עטליכע מקורבים און שטוב-מענטשן פון רבי'ן, וויבאַלד דער 'פּאַספּאָרט' און די אַדורכפאָר-ערלויבענישן זענען געווען געפעלשט. 'דאַן האָבן מיר געהאַט עגמת נפש פון דעם וואָס די גרעניץ וועכטער האָבן איינעם אַרעסטירט, און די דאָזיגע עגמת נפש האָט ממתיק געווען די גזירה ממות לחיים', האָט הרה"ק רבי ישעי'לע געזאָגט.

פון די מעשה, דאַרף מען זיך אַרויסלערנען, אַז מ'טאָר נישט ווערן צעקלאַפּט און צובראָכן ווען עס קומט אונטער חלילה אַן עגמת נפש, ווייל דער מענטש קען קיינמאָל נישט וויסן וואָס פאַר אַ 'המתקות' ער האָט געהאַט דורך דעם צער און עגמת נפש, און וואָס ער האָט זיך אַלץ אָפּגעשפּאָרט דורך די דאָזיגע עגמת נפש, ווייל אַלעס איז פאַר זיין הצלה און פאַר זיין טובה.

**טו.** אין דער היינטיגער סדרה (קדושים יט, ג) לייענען מיר: איש אמו ואביו תיראו. זאָגט אויף דעם די גמרא (קידושין לא:) אַז 'מורא אב' מיינט, 'לא עומד במקומו, ולא יושב במקומו'. דער זון זאָל זיך נישט אַוועקשטעלן אויפ'ן אָרט פון זיין טאַטן, און ער זאָל נישט זיצן אויף דעם אָרט וואו זיין טאַטע זיצט געוועגליך.

על דרך זה, זאָגט דער 'שפת אמת' זי"ע (פ' קדושים תרל"א, ד"ה 'איש אמו') אַ מליצה, עס זענען דאָ מענטשן וואָס דרייען זיך אַרום אויף דער וועלט מיט'ן געפיל אַז זיי זענען די וואָס 'פירן די וועלט'... זיי זאָגן, עס וואָלט געווען פיל בעסער אויב עס וואָלט פּאַסירט אַזוי און אַזוי, און אויב עס וואָלט געווען כך וכך, וואָלט דאָך יענע זאַך געווען אַסאַך בעסער וכו'. אויף דעם זאָגט דער פסוק (דברים ו, יג) 'את ה' אלוקיך תירא', ווי חז"ל זאָגן ביי 'מורא אב', 'לא ישב במקומו', דאָס זעלבע איז ביים 'מורא האָבן' פאַר דעם אויבערשטען, וואָס ער פירט די גאַנצע וועלט. עס איז אַ חוצפה פאַר דעם מענטש צו וועלן זיך 'זעצן' אויף דעם פלאַץ פון דעם אויבערשטען כביכול, און צו טראַכטן וועגן זיך, אַז 'איך פיר די וועלט'.

**טז.** צדיקים האָבן געטייטשט (ספר 'תפארת רבותינו', אין נאָמען פון הרה"ק בעל 'ישמח ישראל' זי"ע, אַז ער האָט אַזוי נאָכגעזאָגט אין נאָמען פון זיין זיידן, הרה"ק רבי פייוועלע גריצער זי"ע) אויפ'ן פסוק (תהלים פט, ו) 'ויודו שמים פלאך ה' אף אמונתך בקהל קדושים'. אין הימל דאַנקט מען דעם אויבערשטען פאַר זיינע גרויסע 'וואונדער' ('פלאך'). וואָס זענען די 'וואונדער' פון דעם אויבערשטען? פירט אויס דער פסוק, 'אף אמונתך בקהל קדושים'. דער כח וואָס אַ מענטש, אַ 'קרוץ מחומר', האָט צו גלייבן אין דעם אויבערשטען אין יעדן מצב, סיי ווען עס איז איהם לעכטיג, און סיי ווען ס'איז חלילה פאַרקערט, די הנהגה פון דעם באַשעפער איז חלילה אויף אַן אופן פון 'אף' און 'חרון' רח"ל, אויך דעמאָלס האָבן זיי אַ פעסטע און גאַנצע אמונה, און דאָס איז טאַקע אַ גרויסער 'וואונדער' און חידוש...

**יז.** אַ מורא'דיגע מעשה, דערציילט הרה"ג ר' נפתלי זילבערצווייג שליט"א, וועגן אַ פרוי וואָס האָט איבערגעלעבט די ביטערע צווייטע וועלט מלחמה אין אוישוויץ, מיט יסורים און ליידן וואָס מ'קען זיך נישט פאָרשטעלן, ווען די פאַרשאָלטענע דייטשע רשעים ימ"ש האָבן דורכגעפירט איבער איר פאַרשידענע 'פראָבעס'. נאָך די באַפרייאונג האָט זיך חתונה געהאַט און זיך באַזעצט אין דער שטאָט 'באַי' אין פראַנקרייך, אָבער זי האָט ליידער נישט זוכה געווען צו קינדער.

אַמאָל אין אַ פרייטאָג, האָט זי אָנגעגרייט די מאכלי שבת. זי האָט איבערגעלאָזט אַ טאָפּ מיט אַ געקעכטס אויפ'ן פייער, און איז אינצווישן אַרויס אויף דער גאַס איינקויפן עפּעס לכבוד שב"ק. ווען זי איז נישט געווען אינדערהיים, האָט דער פייער זיך אָנגעכאַפּט אין דעם האָלצערנעם שענקל אין דער קוך, און ביז אַ קורצע צייט האָט דאָס פייער פאַרברענט כמעט דאָס גאַנצע הויז רח"ל. די שכנים האָבן נישט געוואוסט ווי אַזוי די צובראָכענע פרוי וועט זיך יעצט קענען שטאַרקן, ווען זי האָט געליטן אַזאַ שרעקליכן שאָדן. זי האָט דאָך קוים באַוויזן צו קומען צו זיך און צוריק אויפצובויען צוביסלעך איר לעבן, און דאָ, איז אונטערגעקומען אַזאַ בראָך. זענען די שכנים שנעל אַריבערגעגאַנגען אין דער דירה פון הגה"צ רבי מרדכי פּאַגראַמאַנסקי זצ"ל, וועלכער האָט אויך געוואוינט דאָרט אין שכינות, און פון איהם געבעטן אַן עצה וואָס צו טוהן, ווי אַזוי מ'זאָל איבערגעבן די נייעס פאַר די צובראָכענע פרוי, וואָס ווייסט נאָך אַפילו נישט וועגן איר בראָך. האָט רבי מרדכי זיך פאַרטראַכט עטליכע מינוט, און דאַן האָט ער געזאָגט, אַז מ'זאָל אָפּוואַרטן די פרוי אויף דער גאַס, איידער זי וועט אַריינקומען אין הויז, און מ'זאָל איר דערציילן אַז איר הויז איז ליידער פאַרברענט געוואָרן רח"ל, אָבער מ'זאָל צוגעבן, אַז אויב זי וועט נעמען אויף זיך די יסורים באהבה און וועט נישט אַרויסלאָזן אַפילו איין קרעכץ פון מויל, פאַרזיכערט ער איר (רבי מרדכי) אַז זי וועט זוכה זיין געהאָלפן צו ווערן מיט קינדער למעלה מדרך הטבע.

די שכנים האָבן אַזוי געטוהן. זיי האָבן אָפּגעוואַרט די פרוי ווען זי איז צוריקגעקומען פון גאַס, און דאַן האָבן זיי איר דערציילט וואָס עס האָט פּאַסירט, און איבערגעגעבן רבי מרדכי'ס ווערטער. האָט די פרוי דאָס אָנגענומען באהבה מיט אומנאַטורליכע כוחות, און האָט אַפילו נישט אַרויסגעלאָזט אַ קרעכץ.

און הרב ר' נפתלי פירט אויס: 'די פרוי, איז מיין מאַמע... אַ יאָר נאָך די שריפה האָט מיין מאַמע געבוירן אַ טאָכטער. דאַן איז געבוירן געוואָרן נאָך אַ טאָכטער, און איך בין שוין איר דריטער קינד'...

**יח.** חז"ל זאָגן (שמ"ר פכ"א, ז) אַז ווען די אידן זענען געשטאַנען ביים ים סוף און די מצריים האָבן זיי נאָכגעיאָגט, האָט מדת הדין מקטרג געווען און גע'טענה'ט, 'הללו עובדי עבודה זרה, והללו עובדי עבודה זרה'. איז שווער, פאַרוואָס האָט ער יעצט מקטרג געווען אויף די אידן, און אַ וואָך פריער, ווען זיי זענען אַרויסגעגאַנגען פון מצרים, האָט די מדת הדין מסכים געווען אַז מ'זאָל טוהן מיט זיי ניסים ונפלאות, און זיי אַרויסצונעמען פון קנעכטשאַפט צו פרייהייט.

ענטפערט הרה"ק בעל 'בית אברהם' זי"ע פון סלאָנים, אַז ווען די אידן זענען געווען פאַרקנעכטעט אין מצרים, זענען זיי געווען אין אַ נידעריגן מצב און פאַרזינקען אין די מ"ט שערי טומאה רח"ל. זיי האָבן געוואוסט אַז זיי זענען ליידער אין דער בחינה פון 'ואת ערום ועריה' (יחזקאל טז, ז), וואָס חז"ל זאָגן דערויף 'ערומים מן המצוות' - די אידן זענען ליידער געווען 'נאַקעט' פון מצוות, און זיי האָבן נישט פאַרמאָגט אַ זכות פאַרוואָס עס 'קומט' זיי גערעטעוועט צו ווערן. האָט דער אויבערשטער רחמנות געהאַט אויף זיי, און ער האָט זיי אויסגעלייזט מיט זיין שטאַרקער האַנט. אָבער ווען זיי זענען שוין געשטאַנען ביים ים, זענען זיי געקומען מיט טענות פאַרוואָס עס האָט פּאַסירט מיט זיי אַזאַ זאַך, 'מה זאת עשית לנו' וגו'. ווען אַ מענטש שפּירט אַז עס 'קומט איהם', און ער האָט טענות און תרעומות ווייל עס 'דאַכט זיך' איהם אַז מ'האָט זיך נישט געפירט מיט איהם ווי עס דאַרף צו זיין, ווערט נתעורר אין הימל די מדה פון דין ח"ו. מ'הייבט אָן נאָכקוקן זיינע מעשים צו זעהן אויב ער איז ראוי צו די ישועה, אָדער נישט. צוליב דעם האָט דער מקטרג באַלד געהאַט אַן אָרט צו טענה'ן 'הללו והללו'.

ענליך זאָגן די ספרים בדרך צחות, אויף די ווערטער פון די גמרא (סנהדרין קי:) אַז די מענטשן פונעם דור המדבר האָבן נישט אַ חלק אין עולם הבא. מיר געפינען ביי דעם דור המדבר, אַז זיי האָבן זיך כסדר אָפּגערעדט און באַקלאָגט אויף זייער מצב אין מדבר. ממילא, אפי' אויב מ'וואָלט זיי אַריינגעלאָזט אין גן עדן, וואָלטן זיי נאָך אַלץ געהאַט טענות אַז דאָס איז נישט אַ 'גן עדן'... ממילא, קען מען זיי נישט געבן זייער חלק אין עולם הבא... (אַוודאי האָבן מיר נישט קיין השגה אין דער גרויסקייט פון די מענטשן פונעם דור המדבר, אָבער מ'קען כאָטש לערנען דערפון, אַז אַ איד טאָר זיך נישט אָפּרעדן...).

אָנגענומען צו ווערן דורך דעם אויבערשטען מיט רחמים, מער ווי די תפילות פון אַנדערע מענטשן.

**א** טעם דערפאַר, זאָגט דער 'תפארת שלמה', ווייל דער אָרימאַן ליידט יסורים פון אָרימקייט און ער נעמט עס אויף זיך. ער טוט נישט נאָכקלערן די מידות פון דעם אויבערשטען ברוך הוא, און ער ווייסט אַז 'כל מה דעביד רחמנא לטב עביד'. דאַן טוט זיין תפילה שפּאַלטן אַלע הימלען.

**באמת** איז דאָס נישט געזאָגט געוואָרן דייקא וועגן יסורים פון אָרימקייט און דחקות אין פרנסה, נאָר ווי דער 'תפארת שלמה' שרייבט ווייטער קלאָר, אַז אויב דער מענטש נעמט אויף זיך אַלע פּראָבלעמען און שוועריגקייטן וואָס ער גייט אַריבער, ווערט זיין תפילה אָנגענומען לרצון אין הימל[יט].

**והייתם לי קדושים - איך טוה עס ווייל דער אויבערשטער האָט געהייסן**

'**דברו** אל כל עדת בני ישראל ואמרת אליהם קדושים תהיו כי קדוש אני ה' אלוקיכם' (קדושים יט, ב).

**זאָגט** דער מדרש (ויק"ר פכ"ד, יט) 'קדושים תהיו, יכול כמוני, תלמוד לומר, כי קדוש אני - קדושתי

---

די אַלע טענות קומען דאָך נאָר דערפאַר ווייל דער מענטש שפירט אַז דער אויבערשטער כביכול איז איהם עפּעס 'שולדיג', און דעריבער באַקלאָגט ער זיך פאַרוואָס עס פעלט איהם עפּעס. ממילא, ווען ער באַקלאָגט זיך, איז עס מעורר אויף איהם די מדה פון דין ח"ו, אַז מ'זאָל אין הימל נאָכקוקן אויב עס קומט איהם טאַקע... אָבער אויב דער מענטש נעמט אויף זיך די הנהגה פון דעם אויבערשטען מיט שמחה און מיט אַן אינערליכע אנערקענונג אַז אַליין האָט ער גאָרנישט, נאָר אַלעס איז פון דעם אויבערשטען'ס רחמנות, ווערט אויף איהם נשפּע רחמים און חסדים אָן אַ שיעור.

**יט.** עטליכע יאָר צוריק, האָט פּאַסירט ביי הרה"ח ר' מנחם לונגער שליט"א פון דער רמת אלחנן געגנט אין בני ברק (דאָרט קענען די שכנים די מעשה פון דער נאָנט), אַז ר' מנחם און זיין בני בית (ע"ה) זענען אַוועקגעפאָרן אויף אַ שבת אין אַ ווייטער שטאָט אין צפון פון ארץ ישראל. אין עצם טאָג פון שבת קודש, האָבן אומגעוואונשענע פאַרשוינען זיך אַריינגעבראָכן אין הויז און צוגע'גנב'עט טשעקס וואָס ר' מנחם האָט באַקומען פון די קונים אין זיין געשעפט. די גנבים האָבן אויך געלייגט אַ האַנט אויף פאַרשידענע זילבערוואַרג, וואָס די לונגערס האָבן באַקומען בירושה פון זייערע עלטערן, און די צירינג פון זייער טאָכטער, אַ כלה פאַר דער חתונה. צו דעם אַלעם, האָבן זיי אויך גע'גנב'עט 100 טויזנט דאָלאַר אין מזומן, וואָס ר' מנחם האָט גענומען אַלס הלוואה אין באַנק לכבוד די חתונות פון זייער זון און טאָכטער, וואָס זיי האָבן געדאַרפט פייערן יענעם יאָר.

איינע פון די קינדער וועלכער איז געבליבן שבת אין בני ברק און האָט שוין געוואוסט וועגן די גניבה איז אַרויפגעגאַנגען מוצאי שבת אין הויז פון די עלטערן (איידער זיי וועלן באַווייזן צוריקצוקומען פון צפון, און זעהן די 'מהפיכת סדום ועמורה' רח"ל), און פאַרשטייענדיג אַז עס הערשט אַ געפאַר חלילה פאַר'ן געזונט צושטאַנד פון די עלטערן אויב זיי וועלן אָנקומען אַהיים און זעהן דעם 'חורבן' וואָס האָט דאָ פּאַסירט, האָט ער צוזאַמענגערופן זיינע ברידער אין הויז פון די עלטערן, און פון דאָרט האָבן זיי טעלעפאָנירט צו די עלטערן, זיי איינצומעלדן וואָס דאָ האָט פּאַסירט. מיט דעם האָבן זיי געהאָפט אַז זייענדיג נאָך פונדערווייטנס, וועלן די עלטערן נישט אַזוי שפירן דעם שאָדן.

ווען ר' מנחם האָט געהערט האָט געהערט די שרעקליכע בשורה, האָט ער אָפּגעשטעלט זיין קאר אויף דער זייט פון וועג, פאַר עטליכע מינוט צייט, כדי צו 'פאַרדייען' די 'נייעס' וואָס ער און זיין פרוי האָבן יעצט געהערט. ווען זיי זענען אָנגעקומען אַהיים, האָבן די קינדער זיי אויפגענומען מיט דעם ניגון 'אני מאמין'... אָבער ווען זיי האָבן געזעהן וואָס דאָ האָט פּאַסירט, איז זייער האַרץ געוואָרן איבערגעדרייט, און די מאמע האָט אויסגעשריגן הויך אויפ'ן קול: רבונו של עולם, ליבער פאָטער אין הימל! נאָר דו ווייסט מיינע צובראָכענע געפילן ווען איך זעה דעם 'חורבן הבית'. מיר גלייבן אָבער, אַז נישט דער 'גנב' האָט דאָ עפּעס געטוהן, נאָר דו האָסט אַלעס געטוהן פאַר אונזער טובה, אויך אויב מיר זעהען עס נישט און מיר קענען עס נישט פאַרשטיין. דאָס איז דער אמת. ווייל איך דיך יעצט, אַלזאָ, בעטן, אַז אין זכות פון אונזער אמונה זאָלסטו העלפן אונזערע צוויי קינדער מיט זרע של קיימא! איינע פון די קינדער האָט שוין געהאַלטן ביי 9 יאָר פון דער חתונה, און די דאָקטוירים האָבן איהם אינגאַנצן מייאש געווען. דער צווייטער איז געווען אין זעקסטן יאָר, און מיין זון, דער 'גרוש', זאָל געהאָלפן ווערן מיט אַ זיווג הגון בקרוב ובניקל.

למעלה מקדושתכם'. איך וואָלט געוואָלט מיינען אַז איר קענט זיין אַזוי הייליג ווי איך בין (דער אויבערשטער), זאָגט דער פסוק 'כי קדוש אני', מיין קדושה איז העכער ווי אייער קדושה.

**פרעגן** די ספרים, וואָס איז געווען די הוה אמינא אַז אַ מענטש קען זיין אַזוי הייליג ווי דער באַשעפער ברוך הוא, אַז ער זאָל דאַרפן זאָגן 'כי קדוש אני', און מיין קדושה איז העכער ווי אייער קדושה?

**ענטפערט** דער גאון בעל 'כתב סופר' זצ"ל (ד"ה קדושים ב') לויט ווי חז"ל זאָגן (תו"כ כ, קכח) אַז אַ מענטש זאָל נישט זאָגן, איך קען נישט עסן חזיר פלייש, נאָר ער זאָל זאָגן, איך קען יאָ עסן אַזאַ טריפה'נע פלייש, נאָר מיין טאַטע אין הימל, דער אויבערשטער האָט גוזר געווען אויף מיר אַז איך טאָר עס נישט עסן.

**דאָס** הייסט, די הויפט חשיבות פון קיום המצוות איז ווען דער מענטש גליסט צו אַ זאַך און ער האַלט זיך צוריק דערפון, ווייל אַזוי האָט דער אויבערשטער איהם באַפוילן, און נישט ווען ער האָט בכלל נישט קיין תאווה און נסיון אין דעם ענין.

לויט דעם, זאָגט דער 'כתב סופר', איז פאַרשטענדליך וואָס דער מדרש זאָגט, 'יכול כמוני', אויב דער מענטש וועט וועלן זאָגן אַז ער וויל זיין הייליג פון זיין נאַטור, אַזוי ווי דער אויבערשטער וואָס האָט נישט קיין נסיון און קיין שום תאווה חלילה, זאָגט אויף דעם דער פסוק 'כי קדוש אני, קדושתי למעלה מקדושתכם', אַז נאָר דער אויבערשטער איז אָפּגעטיילט פון אַלע ענינים פון דער וועלט, אָבער אידישע קינדער קענען זיין הייליג - 'קדושים תהיו' - נאָר אויב זיי וועלן זיך שטאַרקן אויף זייער תאווה, ווייל דאָס איז דער רצון ה', און אַזוי האָט ער באַפוילן.

**ממילא,** זאָל אַ מענטש נישט ווערן געפאַלן ביי זיך ווען ער זעהט די נסיונות וואָס קומען אונטער 'חדשים לבקרים', טאָג טעגליך, און ער זאָל זיך נישט צוריקציהען פון האַלטן מלחמה מיט'ן יצר, נאָר אדרבה, ער זאָל זיך פרייען אַז ער האָט די מעגליכקייט צוקעגן באַזיגן דעם יצר, ווייל טאַקע נאָר דורך די דאָזיגע נסיונות קען ער שטייגן אין קדושה, און נאָר אַזוי איז ער גורם אַ נחת רוח פאַר דעם אויבערשטען ברוך הוא[כ].

---

למעשה, צום יאָר זענען אַלע דריי קינדער געהאָלפן געוואָרן בפקידת ישועה ורחמים. ביי ביידע זון זענען געבוירן געוואָרן אַ קינדער, און דער גע'גט'ער זון האָט געטראָפן אַ פיינעם זיווג שני, און איז געגאַנגען אונטער דער חופה בשעה טובה ומוצלחת.

דער אמת איז, אַז יעדער איינער פון אונז האָט דאָך שווערע מינוטן, אָדער פאַלן פון גרויסע היזקים א.ד.ג. דאַרף ער וויסן אַז עס זענען דאָ פאַר איהם צוויי וועגן: ער האָט אַ ברירה צו וויינען און קלאָגן אויף זיין מצב, און אויף זיין ביטערן גורל... אָדער אָנצונעמען דעם אויבערשטען'ס הנהגה מיט ליבשאַפט און מיט אמונה, און אַזוי וועט ער ממשיך זיין אויף זיך אַ הנהגה פון רחמים און חסדים העכער פונעם דרך הטבע, געהאָלפן צו ווערן בדבר ישועה ורחמים, אמן.

**כ.** דער מענטש טאָר נישט אַריינפאַלן אין יאוש, צו זאָגן, איך האָב שוין פראָבירט אַזוי פיל מאָל זיך צו הייליגן און איך בין אַדורכגעפאַלן, און ממילא, בין איך נישט שייך צו די גאַנצע פרשה פון 'קדושים תהיו', ווי דער 'בית אברהם' זאָגט (פרשתינו, ד"ה 'קדושים') אַז פרשת קדושים הייבט זיך אָן מיט 'קדושים תהיו', און פון דאָרט זעצט פאַר די תורה צו רעדן וועגן פאַרשידענע פגמים און ענינים פון עריות, און ביים סוף פון דער פרשה (כ, כו) שטייט ווידעראַמאָל, 'והייתם לי קדושים'. דאָס איז אַ רמז, אַז אין אָנהייב זאָגט מען פאַר דעם מענטש ער זאָל זיך היטן בקדושה, אָבער אויב ער איז אַדורכגעפאַלן און איז געפאַלן פון זיין מדריגה, זאָל ער זיך נישט מייאש זיין, נאָר פון דאָ און ווייטער, 'והייתם לי קדושים', זאָל ער זיך ווייטער מקדש זיין, ווייל די נשמה פון יעדן איד איז צוגעבונדן צו זיין טאַטן אין הימל, אויך אויב ער האָט חלילה געטוהן די האַרבסטע עבירות. ער דאַרף געדענקען וואָס חז"ל זאָגן (יומא לט.) 'כל המקדש עצמו מעט מלמטה, מקדשין אותו הרבה מלמעלה' - אויב דער מענטש הייליגט זיך אַביסל אונטן, אויף דער וועלט, הייליגט מען איהם אַסאַך אויבן אין הימל.

מיר האָבן ערשט פאַראַנגענעם שביעי של פסח העעל"ט געלייענט אין דער תורה אין פרשת בשלח, וואָס פרעה הרשע האָט געזאָגט ווען ער האָט זיך געגרייט נאָכצויאָגן די אידן ביים ים, 'מה זאת עשינו, כי שלחנו את ישראל

מעבדנו'. לכאורה, האָט פּרעה דאָ גערעדט זייער נאַריש, ווייל ער האָט דאָך נישט באמת אַרויסגעשיקט די אידן פון מצרים, נאָר זיי זענען באַפרייט געוואָרן פון זיין האַנט 'בכח גדול וביד חזקה', נאָך דעם ווי ער האָט געכאַפּט צען מכות וואָס יעדע מכה איז געווען ערגער און שווערער ווי די פריערדיגע מכה, און ער האָט עס שוין נישט געקענט אויסהאַלטן. אויב אַזוי, פאַרוואָס ברענגט די תורה פרעה'ס נאַרישע ווערטער, אַז 'ער' האָט אַרויסגעשיקט די אידן פון מצרים?

איז דער תירוץ, אַז דער אויבערשטער האָט געוואָלט לערנען פאַר אידישע קינדער אַ וועג אין לעבן. אָט האָט דער רשע פרעה געכאַפּט אַזעלכע קלעפּ, איין מכה נאָך דער צווייטער מכה, און איז נאָך אַלץ געבליבן ביי זיין עקשנות: 'לא אשלח את בני ישראל'. איך וועל נישט אַרויסשיקן די אידן... מיר ווייסן דאָך אַז 'מאויבי לחכמני', מ'דאַרף זיך אַרויסלערנען פון דעם רשע פרעה, אַז אויך מיר זאָלן זיך האַלטן ביי אונזערס, און דינען דעם אויבערשטען ברוך הוא אויך טראָץ אַלע צען מכות' ח"ו, און קיין שום שוועריגקייטן זאָלן אונז נישט צוריקהאַלטן פון זיך רירן אַפילו אַ האָרל פון דעם דרך ה'. די 'סוגיא' פון 'התחזקות' איז אָבער פאַרטיג געוואָרן ערשט נאָך דעם ווי די אידן זענען אַרויסגעגאַנגען פון מצרים, און פרעה און זיין אַרמיי האָבן פאַרלוירן די מלחמה. פונדעסטוועגן האָט פרעה זיך ווידעראַמאָל געשטאַרקט גלייך ווי עס וואָלט גאָרנישט פּאַסירט, און ער האָט געזאָגט, 'איך האָב אַרויסגעשיקט די אידן פון מצרים'... דאָס וויל דער אויבערשטער אונז לערנען, אַז אויך נאָך דעם ווי דער מענטש איז געשטרויכלט געוואָרן און איז חלילה אַריינגעפאַלן אינעם נידעריגסטן מצב, דאַרף מען זיך נאָך אַלץ שטאַרקן און זיך שטענדיג זוכן צו דערפרישן און באַנייען, און פאַרגעסן פון אַלעם וואָס מ'איז אַריבער ביז יעצט...

אין די צייטן פון הרה"ק רבי דוד'ל טאָלנער זי"ע, האָט אַ איד זיך געוואָלט נעמען דאָס לעבן רח"ל, און ער איז אַרויף אויפ'ן דאַך פון אַ הויז כדי אַראָפּצושפּרינגען פון דאָרט. האָט דער טאָלנער איהם געזאָגט: ס'איז דען אַ 'חכמה' צו שפּרינגען פון אונטן אַראָפּ, אַפילו אַ קליין נאַריש יונגל קען דאָס אויך באַווייזן... לאָמיר זעהן דיין 'שטאַרקן כוח', אויב דו ביזט אימשטאַנד אַרויפשפּרינגען פון אונטן אַרויף אויפ'ן דאַך...

לעניינינו, דער לימוד פון די מעשה פאַר אונז איז: ס'איז נישט קיין 'חכמה' 'אַראָפּצולאָזן די נאָז' און ווערן צובראָכן ביי זיך נאָ ראָ 'נפילה'. דאָס קען יעדער איינער באַווייזן... אַ 'חכמה' איז, אַז אויך אין אַ מצב ווען מ'איז שוין געפאַלן, זאָל מען זיך אויפהייבן בי די העכסטע הימלען...

מורא'דיגע ווערטער, שרייבט דער 'חתם סופר' זי"ע (דרשות, שנת תקס"ב, ד"ה 'קדש'), אויף די 'סימנים' אין דער הגדה של פסח, 'קדש ורחץ' דער מענטש - וואָס הייליגט זיך און וואַשט זיך אָפּ פון די תאוות עולם הזה. 'כרפס יחץ' - נעמט מען אַראָפּ פון איהם, דעם עול מלכות און עול דרך ארץ ('כרפס' איז מרמז אויף עול מלכות). דאָס אַלעס איז נאָר ביי דעם וואָס טוט הייליגן נאָר זיך פאַר דעם אויבערשטען, אָבער 'מגיד רחצה' - אויב ער וויל אַוועקשטעלן אויפ'ן גוטן וועג אויך אַנדערע מענטשן, און ער איז אויך 'מוציא מצה', ער ציהט זיך אַוועק פון יעדע קריגעריי ('מצה' איז פון לשון 'מצה ומריבה'), אַזוי ווי אהרן הכהן ע"ה, וואָס ער איז געווען 'אוהב את הבריות ומקרבן לתורה'. און ער איז אויך אין דער בחינה פון 'מרור כורך', ער ליידט און טראָגט איבער די 'ביטערקייט' פון דער וועלט און ער פאַר'מיאוס'ט זיך נישט טראָץ אַלע שוועריגקייטן, אַזאַ איינער איז זוכה צו 'שולחן עורך' אויף דער וועלט, און 'צפון ברך', אויף יענער וועלט. אויך איז ער זוכה צו 'הלל' - אַז אַלע מענטשן זאָלן איהם לויבן און רימען, 'מוכיח אדם אחרי חן ימצא ממחליק לשון' (משלי כח, כג).

דער סטייפּעלער זצ"ל שרייבט אין אַ בריוו ('קריינא דאגרתא', מכתב טו): דער מענטש דאַרף וויסן, אַז ווען ער שטאַרקט זיך אויף אַ תאווה לשם שמים, ווערט זייער געהייליגט דער שם שמים, און עס איז אַ הייליגע עבודה לשמה ממש, ווייל קיינער ווייסט נישט דערפון, און דורך דעם איז מען זוכה צו אַ וואונדערליכע סייעתא דשמיא אין אַלע ענינים, סיי אין הצלחה אין תורה, סיי צו פאַררעכטן די מידות, און סיי אין ענינים פון עולם הזה, נאָר מ'דאַרף האָבן סבלנות' וכו', און מ'דאַרף וויסן, אַז יעדעס מאָל ווען דער מענטש טוט ביישטיין אַ נסיון, מאַכט ער לייכטער דעם נסיון אויף ווייטער וכו'.

די ספרים זאָגן, אַז דאָס איז מרומז אין פסוק וואָס שטייט ביי יוסף הצדיק (בראשית לט, יב) 'ויעזוב בגדו בידה'. 'בגד' איז מרמז אויף אַ 'בגידה' און אַ דורכפאַל [ווי דער 'בית אברהם' זי"ע טייטשט דעם פסוק דאָרט 'ותתפשהו בבגדו', אַז זי האָט איהם געזאָגט, דו האָסט שוין 'בוגד' געווען - ווידערגעשפּעניגט - קעגן דעם אויבערשטען, און ממילא האָסטו שוין מער נישט קיין תקנה ח"ו]. און ווען יוסף הצדיק איז בייגעשטאַנען דעם נסיון מיט אַ געוואַלדיגער

**אויף** אַן אַנדער אָרט, זאָגט דער 'כתב סופר' אין דער היינטיגער סדרה (ד"ה קדושים ג'), אויף דעם פסוק 'קדושים תהיו', ברענגט דער מדרש דעם פסוק (תהלים כ, ב) 'ישלח עזרך מקודש', און ער גיט צו, 'מקידוש מעשים שיש בידך'.

**זאָגט** דער 'כתב סופר', אַז חז"ל קומען אונז לערנען, אַז אויך אפילו אויב עס זעהט אויס פאַר דעם מענטש אַז אויב ער וועט זיין הייליג וועט פון דעם אַרויסקומען עפּעס אַ שאָדן ח"ו, אָבער דער אמת איז אַז די קדושה אַליין איז מוסיף אינעם מענטש כח און שטאַרקייט, און ער וועט נישט האָבן קיין שום שאָדן, נאָר אדרבה, נאָר 'פדות ורווחה' (עיי"ש).

**דער** אויבערשטער זאָל העלפן, מיר זאָלן זוכה זיין צו קדושה און טהרה אין די יעצטיגע ימי הספירה, און מיר זאָלן בקרוב הערן דעם 'קול מבשר, הנה זה בא', מיט די גאולת עולם במהרה בימינו, אמן.

---

שטאַרקייט, האָט ער איבערגעלאָזט דעם 'בגד' ביי איר, און דערמיט האָט ער אָפּגעשוואַכט דעם כוח פונעם יצר הרע, דורך דעם וואָס ער האָט איהם באַזיגט...